און אין אן אופן אז אלע אידן זיינען אין דערויף גלייך - אין דעם זעלבן "משפט" איז "תורה אחת לכולנה", און משפט אחד לכל העם כולו, ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס איינער געהערט צו "ראשיכם שבטיכם" און דער צווייטער געהערט צו "חוטב עציך ושואב מימיך".

לא. און בשעת אז ביי אידן איז דא דער ענין פון אחדות, ווי שטייען אין אן אופן פון "כאיש אחד בלב אחד"[124], בדוגמא ווי מ'איז געשטאנען אלס הקדמה צו מ"ת,

עאכו"כ לאחרי מ"ת, נאך דערויף וואס עס איז געגעבן געווארן די "תורה אחת" פון "ה' אחד" צום "גוי אחד",

וואס ער איז א "גוי אחד בארץ", אז אויך ווי די נשמה געפינט זיך בגוף (וואס נשמה וגוף איז בדוגמת שמים וארץ[125] - שמים וארץ וואס געפינען זיך אין ארץ כפשוטה), און אויך "בארץ" שטייען אלע אידן (אלע ששים רבוא אידן, מיט אלע פרטים שבהם) אין אן אופן פון "גוי אחד"[126] -

זיינען אידן ממשיך דעם ענין פון "ה' אחד ושמו אחד"[127], "כשם שאני נכתב כך אני נקרא"[128], בקרוב ממש, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

וואס דעמולט וועט זיין "ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה"[129], און ס'וועט זיין דער "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" כפשוטו - ווארום די סנהדרין וועלן זיך אומקערן למקומם, אין גליל[130], "ומשם נעתקין למקדש"[131] - אין ביהמ"ק שיבנה בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו.

* * *

לב. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה כי תשא.

* * *

לג. ס'איז דאך רגיל אפלערנען א פסוק אין פרשת השבוע מיט פירוש רש"י, און אויך אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר.

אין היינטיקע סדרה איז דא א פסוק וואס איז פארבונדן מיט דער גאולה העתידה: "הנה אנכי שולח מלאך לפניך לשמרך בדרך ולהביאך אל המקום אשר הכינותי"[132] - וואס דער פסוק

- רעדט -

----

124) פרש"י עה"פ יתרו יט, ב. 125) לקו"ת שה"ש מט, ג. וש"נ. 126) ראה ג"כ תו"א וישב כז, סע"ד. ובכ"מ.
127) זכרי' יד, ט. 128) ראה פסחים נ, א. 129) ישעי' א, כו. 130) ראה רדב"ז לרמב"ם הל' סנהדרין פי"ד הי"ב.
131) רמב"ם שם. 132) פרשתנו כג, כ.

רעדט וועגן די גאולה פון מצרים, און די גאולה העתידה וועט דאך זיין "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", ווי דער צ"צ[133] ברענגט אראפ פון זהר, אז לע"ל וועלן זיין "נפלאות" אפי' בערך צו די "נפלאות" וואס זיינען געווען אין "ימי צאתך מארץ מצרים".

וואס בנוגע צום פסוק "הנה אנכי שולח מלאך לפניך", קען מען לערנען אויף צוויי אופנים - צי דאס איז געווען לויט ווי משה רבינו האט מסכים געווען, אדער אז דאס איז נאר געווען די הצעה פון דעם אויבערשטן, אבער משה רבינו האט אויף דערויף ניט מסכים געווען[134], און האט געמאנט (און האט אויסגעפירט) אז ס'זאל זיין "פניך הולכים"[135].

וואס דאס איז נאר בנוגע צו דעם ענין פון יצי"מ - אבער די גאולה העתידה וועט זיכער זיין דורך דעם אויבערשטן אליין, ווי רש"י בפירושו עה"ת[136] ברענגט אראפ דעם פסוק[137] "ואתם תלוקטו לאחד אחד בנ"י", אז ס'וועט זיין אין אן אופן אז דער אויבערשטער אליין וועט זיי צוזאמענקלייבן.

לד. אויף "אשר הכינותי" שטעלט זיך רש"י און טייטשט אפ: "אשר זמנתי לתת לכם", און איז דערביי מוסיף: "זהו פשוטו".

דאגן מפרשים[138] אז וויבאלד אין פסוק שטייט "אשר הכינותי", און ס'שטייט ניט פאר וועמען האט דאס דער אויבערשטער צוגעגרייט, דערפאר טייטשט אפ רש"י "אשר זמנתי לתת לכם" - ע"ד ווי דער ראב"ע איז מוסיף אויף "אשר הכינותי" - "לך".

עס איז אבער ניט פארשטאנדיק:

א) ע"פ פשש"מ איז דאס (וואס ס'שטייט "הכינותי", און ס'שטייט ניט פאר וועמען) קיין קושיא ניט - ווארום:

מ'געפינט טאקע אז צוזאמען מיט אן ענין של הכנה שטייט צוליב וועמען מ'האט דאס צוגעגרייט, ווי ס'שטייט אין פרשת בלק[139] "והכן לי בזה גו'" - זיינען אבער דא כמה מקומות וואו ס'שטייט אן ענין של הכנה, און עס שטייט ניט דערביי פאר וועמען מ'האט דאס צוגעגרייט.

ואדרבה: פ' בלק האט דער בן חמש למקרא נאך ניט געלערנט - ער האט אבער געלערנט ספר בראשית, און דארטן[140]

- שטייט -

---

133) אוה"ת נ"ך ע' תפו-תפז (ס"ג וס"ה). 134) פרש"י עה"פ תשא לג, יב. 135) תשא שם, טו. וראה שם, יד ובפרש"י. 136) עה"פ נצבים ל, ג. 137) ישעי' כז, יב. 138) ראה רא"ם, גו"א ושפ"ת עה"פ. 139) כג, א. ועוד. 140) מקץ מג, טז.

שטייט "וטבוח טבח והכן", און ס'שטייט ניט פאר וועמען מ'זאל דאס צוגרייטן.

און וויבאלד אז דארטן שטעלט זיך ניט רש"י אויף דערויף, איז פארשטאנדיק, אז ע"פ פשש"מ איז דאס קיין קושיא ניט - קען מען ניט זאגן אז רש"י דארף מוסיף זיין דעם פירוש פון "לכם", וויבאלד אז אין פסוק שטייט ניט פאר וועמען האט דאס דער אויבערשטער צוגעגרייט.

ב) עפ"ז דארף רש"י ניט איבער'חזר'ן "אשר זמנתי לתת (לכם)", ער האט נאר געדארפט ברענגען דעם לשון הפסוק "הכינותי", און מוסיף זיין "לכם" (ע"ד ווי ראב"ע איז מוסיף אויף לשון הפסוק - "לך")?

ג) עפ"ז פארוואס דארף רש"י משנה זיין פון לשון הפסוק "אשר הכינותי", און זאגן "אשר זמנתי"?

לה. דערנאך איז רש"י ממשיך: "ומדרשו אל המקום אשר הכינותי, כבר מקומי ניכר כנגדו, וזה א' מן המקראות שאומרים שביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה".

איז אין דערויף ניט פארשטאנדיק:

א) וואס פעלט אין פשוטו של מקרא, וואס צוליב דערויף דארף רש"י אנקומען צו "מדרשו"?

ב) וויבאלד אז רש"י טייטשט אויך אפ די ווערטער "אל המקום", האט ער געדארפט מעתיק זיין פון פסוק אויך די ווערטער "אל המקום" - פארוואס איז ער מעתיק פון פסוק נאר די ווערטער "אשר הכינותי"?

מ'קען ניט ענטפערן אז די ווערטער "אל המקום" זיינען נוגע נאר אין דעם פירוש לויט "מדרשו", און ניט אין דעם פירוש פון "פשוטו" - ווארום דעמולט וואלט דאס רש"י געדארפט פאנאנדערטיילן אין באזונדערע ד"ה'ס, און אין דעם צווייטן ד"ה (וואו ער ברענגט אראפ דעם פירוש פון "מדרשו"), מעתיק זיין פון פסוק אויך די ווערטער "אל המקום".

ג) דער פירוש פון "אל המקום אשר הכינותי" לויט "מדרשו" איז - אז "כבר מקומי ניכר כנגדו", דערפאר וואס "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה" - עס איז אבער ניט פארשטאנדיק: צוליב וואס דארף רש"י זאגן אז "זה א' מן המקראות שאומרים כו'", וואס איז דא נוגע צו וויסן אז ס'זיינען דא נאך מקראות וואס זאגן די זעלבע זאך?

מ'קען ניט זאגן אז וויבאלד דאס איז א דבר פלא, איז ניט גענוג דאס וואס ס'שטייט אין איין ארט (און לא מצאתי לו חבר), און דערפאר זאגט רש"י אז ס'זיינען דא נאך מקראות

- וואו -

וואו ס'שטייט דער זעלבער ענין - ווארום פאר דעם פסוק שבפרשתנו ברענגט שוין רש"י דעם ענין (אז דער ביהמ"ק של מעלה איז מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה), און דארטן באווארענט ניט רש"י אז ס'זיינען דא נאך פסוקים וואו ס'שטייט דער זעלבער ענין:

אין פ' ויצא אויפן פסוק[141] "וזה שער השמים", טייטשט אפ רש"י: "בית המקדש של מעלה מכוון כנגד בית המקדש של מטה", ועד"ז אין פ' בשלח אויפן פסוק[142] "מכון לשבתך", טייטשט אפ רש"י: "מקדש של מטה מכוון כנגד כסא של מעלה" - און אין די פסוקים באווארענט ניט רש"י אז ס'זיינען דא נאך מקראות וואס דארטן שטייט דער זעלבער ענין.

איז אויב מ'וועט זאגן אז דאס איז א דבר פלא, און דערפאר דארף רש"י באווארענען אז דער ענין שטייט ניט נאר איין מאל, נאר ס'שטייט אין נאך ערטער - האט דאס רש"י געדארפט באווארענען צום ערשטן מאל וואו ער ברענגט דעם ענין;

איז ניט פארשטאנדיק: ווי קומט דאס אז ערשט צום דריטן מאל וואס רש"י זאגט דעם ענין, זאגט ער אז "זה א' מן המקראות כו'" - ביים בן חמש למקרא איז דאך דאס קיין פלא ניט, ווארום ער (איז ניט ווי די וואס פארגעסן וואס זיי לערנען, נאר ער) געדיינקט דאס וואס רש"י האט אים געזאגט לפנ"ז (אין פ' ויצא, און אין פ' בשלח)?

ד) עס איז דא א גירסא אין פרש"י[143] וואס דארטן שטייט "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד של מטה", און ניט "כנגד ביהמ"ק של מטה".

דארף מען פארשטיין: פארוואס אויפן פסוק "וזה שער השמים" זאגט רש"י "בית המקדש של מעלה מכוון כנגד בית המקדש של מטה", ועד"ז אויפן פסוק "מכון לשבתך" זאגט ער "מקדש של מטה מכוון כנגד כסא של מעלה" - און דוקא בפרשתנו זאגט ער "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד של מטה" (ע"פ גירסא הנ"ל), און דערמאנט ניט "ביהמ"ק של מטה"?

פיט נאך כמה דיוקים - וכפי שיתבאר לקמן ווי אזוי די אלע דיוקים ווערן פארענטפערט אין פשוטו של מקרא, און מ'דארף ניט אנקומען צו מפרשי רש"י.

לו. אין די הערות אויפן זהר[144] שטעלט ער זיך אויף דעם וואס ס'שטייט אין זהר[145] "וכד האי נשמתא נפקת מהאי עלמא

- (נאך) -

----

141) כח, יז. 142) טו, יז. 143) דפוס ראשון. ועוד. וכ"ה גם גירסת הרא"ם. 144) לקוטי לוי"צ לזח"ב ע' פח. 145) ח"ב צז, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

האבן זיך דערשראקן (ער בדענגט ניט קיין ראי' פון דעם פסוק "ויהי כשמוע כל מלכי האמורי גו'"), פעלט גארניט אין פשש"מ, ווארום עס רעדט זיך ניט וועגן די מלכים.

און דערפאר ברענגט ניט רש"י אז "כי שמענו את אשר הוביש ה' גו'" האט געזאגט רחב צו שלוחי יהושע (אזוי ווי ס'שטייט אין מכילתא) - ווארום אין מכילתא איז מודגש דער חילוק צווישן די מלכים מיט כל יושבי הארץ, משא"כ אין פשש"מ.

און ע"פ פשש"מ איז פון פרעה קיין ראי' ניט אז אויפן מלך פאלט ניט קיין פחד, ווארום בנוגע צו פרעה קען מען זאגן אויף צוויי אופנים:

מ'קען זאגן אז ע"פ טבע האט פרעה אויך געדארפט מורא האבן (דערפאר וואס אויך אויפן מלך פאלט דער פחד), נאר בא פרעה איז געווען א סיבה מיוחדת אויף דעם וואס ער האט ניט מורא געהאט - דערפאר וואס "ויחזק ה' את לב פרעה"[158],

[וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק אז דערפון וואס פרעה האט ניט מורא געהאט איז קיין קושיא ניט אויף דעם וואס ס'שטייט אין מכילתא אז עס פאלט א פחד אויך אויפן מלך],

און מ'קען זאגן אז דער "ויחזק ה' את לב פרעה" האט זיך אנגעהויבן ערשט פון דער מכה החמישית, אבער ביז דעמולט האט טאקע פרעה ניט מורא געהאט, נאר די חרטומים און די שרים האבן גע'טענה'ט אז מ'זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים.

וכפי שיתבאר לקמן דער ביאור אין פרש"י שבפרשתנו, און דער ביאור אין די הערות אויפן זהר.

* * *

מג. דער ביאור אין פרש"י אויפן פסוק "אשר הכינותי":

ווען מ'לערנט דעם פסוק "הנה אנכי שולח מלאך גו' אשר הכינותי" - ווערט גלייך א קושיא אין פשש"מ:

דער טייטש פון "הכינותי" איז - צוגעגרייט, ע"ד ווי ס'שטייט "וטבוח טבח והכן", ועד"ז "ויכינו את המנחה"[159], וואס דער פירוש בזה איז - צוגרייטן.

איז ניט פארשטאנדיק: אין וואס איז באשטאנען די צוגרייטונג פון דעם "מקום אשר הכינותי" - דארטן זיינען דאך דעמולט געווען די שבעה אומות, און זיי האבן דארטן געוועלטיקט, און דערווייליגע זיינען אידן געווען אין מדבר, און עס האט ערשט געדארפט זיין דער "ילך מלאכי לפניך

- והביאך -

---

158) וארא ט, יב. 159) מקץ שם, כה.

והביאך אל האמורי והחיתי והפריזי והכנעני החיוי והיבוסי והכחדתיו"[160], ערשט דעמולט וועלן דאס אידן האבן - איז אין וואס באשטייט די צוגרייטונג פון דעם "מקום אשר הכינותי"?

און אויף צו פארענטפערן די קושיא, זאגט רש"י אז דער פירוש פון "אשר הכינותי" איז - "אשר זמנתי", וואס "זמנתי" מיינט "איינגעלאדן",

ובדוגמא ווי מ׳לאדט-איין אורחים, וואס מ׳קען איינלאדן אן אורח מיט א יאר איידער מ׳בעט אים ער זאל קומען, וואס דעמולט איז ניט דער טייטש אז ס׳איז שוין אלץ צוגעגרייט, ס׳איז מערניט וואס מ׳האט אים איינגעלאדן,

וואס דאס איז דער פירוש פון "אשר הכינותי", "אשר זמנתי לתת לכם" - אז מ׳האט דאס איינגעלאדן אין אן אופן אז דערנאך זאל מען דאס קענען אפגעבן "לכם".

און דערנאך איז רש"י מוסיף "זהו פשוטו" (אע"פ אז דערפון וואס רש"י איז ממשיך "ומדרשו" איז שוין פארשטאנדיק, אז דער פריערדיקער פירוש איז פשוטו) - אויף צו מדגיש זיין אז אע"פ אז אין דערויף איז דא א שוועריקייט, און ס׳איז א דוחק, איז אבער "זהו פשוטו".

מד. דערנאך איז רש"י ממשיך: "ומדרשו אל המקום אשר הכינותי כבר מקומי ניכר כנגדו, וזה א׳ מן המקראות שאומרים שביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה".

וואס דא קומט צו אן אנדער שאלה: פארוואס איז דער פירוש מערניט ווי "מדרשו" - לכאו׳, וויבאלד אז דער פירוש פון "פשוטו" איז ניט אזוי גלאטיק (וואס דערפאר דארף מען זוכן א צווייטן פירוש) - איז דער פירוש אז "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה" איינגאנצן אויסגעהאלטן אין פשוטו של מקרא, פארוואס איז דאס מערניט ווי "מדרשו"?

אויף דערויף זאגט רש"י "ומדרשו אל המקום אשר הכינותי" - אז די שוועריקייט פון דעם פירוש לויט "מדרשו" איז אין דעם עניין פון "אל המקום":

לויט פירוש המדרש, קומט אוים אז דער "להביאך אל המקום אשר הכינותי" מיינט - דעם ביהמ"ק, וואס דאס איז היפך פשש"מ, ווארום אין פשש"מ אז ס׳שטייט "הנה אנכי שולח מלאך לפניך לשמרך בדרך ולהביאך אל המקום אשר הכינותי", גייט דאס אויף דעם וואס דער אויבערשטער וועט ברענגען אידן אין א"י, און ניט אויפן ביהמ"ק דוקא, וואס דאס איז געווען ערשט אין 400 יאר לאח"ז

- ווארום -

---

160) פרשהנו שם, כג.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

[וארום מ'קען ניט זאגן אז דאס גייט אויף משכן שילה, נוב וגבעון - ווארום רש"י זאגט אז "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה", במילא גייט דאס אויפן ביהמ"ק וואס איז געווען אין ירושלים].

און אע"פ אז דער פירוש פון "מקום" איז - אן ארט, במילא גייט דאס אויף א שטאט אדער א מקום מסוים, דער ביהמ"ק וכיו"ב - געפינט מען אבער אין פשש"מ אז "מקום" גייט אויף א גאנצע לאנד:

וועגן בני ראובן ובני גד ווערט דערציילט אז ווען זיי האבן געזעהן אז דער עבר הירדן איז "מקום מקנה", האבן זיי געבעטן משה רבינו אז זיי ווילן בלייבן אין עבר הירדן - שטייט דארטן[161] "ויראו את ארץ יעזר ואת ארץ גלעד והנה המקום מקום מקנה", ד.ה. אז "ארץ יעזר" און "ארץ גלעד" ווערט אנגערופן בשם "מקום" (וויבאלד אז ס'איז דא א זאך וואס פאראייניקט זיי - אז דאס איז "מקום מקנה", דארטן איז דא א סאך גראז).

און וויבאלד אז דאדטן שטעלט זיך ניט רש"י אויף דער קושיא, אז פריער שטייט "ארץ" און דערנאך רופט מען דאס אן בשם "מקום" - איז דערפון גופא די הוכחה אז אין לה"ק קען מען זאגן דעם ווארט "מקום" אויף א גאנצע לאנד,

און דערפאר דארף רש"י ניט באווארענען בנדו"ד אז דאס וואס ס'שטייט "אל המקום" קען גיין אויף גאנץ א"י.

אבער אעפ"כ ברענגט רש"י דעם פירוש פון "מדרשו" אז "המקום" גייט אויפן ביהמ"ק, דערפאר וואס דעמולט איז דער פירוש פון "מקום" אזוי ווי ברוב המקומות אין חומש - אז דאס גייט אויף א מקום מסוים, א שטאט אדער א בנין וכיו"ב [ווי מ'געפינט אין חומש בכ"מ אז ס'שטייט "אל המקום אשר יבחר"[162], "כי ירחק ממך המקום"[163], וואס דארטן גייט דאס אויפן ביהמ"ק]: דער פירוש איז אבער מערניט ווי "מדרשו", וויבאלד אז אין פשש"מ גייט דער "ולהביאך אל המקום אשר הכינותי" אויף גאנץ א"י, און ניט אויפן ביהמ"ק.

מה. עס ווערט אבער די שאלה: ווי קען מען זאגן אויפן ביהמ"ק "אל המקום אשר הכינותי" בשעת אז אין מקום המקדש זיינען נאך געווען די שבעה אומות, און מ'דארף ערשט האבן אז ס'זאל זיין "כי ילך מלאכי לפניך והביאך אל האמורי גו' והכחדתיו" - אין וואס באשטייט דער "אשר הכינותי"?!

אויף דערויף זאגט רש"י, אז דער פירוש פון "אל המקום

- אשר -

---

161) מטות לב, א. 162) ראה יב, כו. ועוד. 163) שם, כא.

אשר הכינותי" איז - "כבר מקומי ניכר כנגדו", ד.ה. אז דער "אשר הכינותי" גייט ניט אויפן ביהמ"ק של מטה (ווארום אויף אים קען מען נאך ניט זאגן "אשר הכינותי"), נאר דאס גייט אויף "מקומי" - דער ביהמ"ק של מעלה, וואס ער איז "ניכר כנגדו", וויבאלד אז "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה".

מו. ביים בן חמש למקרא בלייבט נאך א קושיא:

וויבאלד אז מ'קען ניט זאגן "אשר הכינותי" אויפן ביהמ"ק של מטה, דערפאר וואס דארטן געפינען זיך נאך דער אמורי וכו', און עס דארף ערשט זיין דער "והכחדתיו" - איז א שווערע זאך צו זאגן אז ס'זאל זיין דער ביהמ"ק של מעלה כנגד דעם מקום פון דעם ביהמ"ק של מטה, ווען למטה זיינען נאך דא די שבעה אומות!

אומעטום ווייסט מען אז יעדער ענין וואס איז דא למטה, איז פארבונדן מיט דעם זעלבן ענין ווי ער איז למעלה; ווען מ'מאכט א משכן דא למטה, איז דאס אין אן אופן פון "כאשר הראית בהר"[164] - איז שווער צו זאגן אז בשעת למטה געפינען זיך די שבעה אומות, זאל שוין דעמולט זיין געבויט דער ביהמ"ק של מעלה כנגד דעם זעלבן ארט וואו עס געפינען זיך די שבעה אומות?!

אין דעם פסוק "וזה שער השמים" איז דאס קיין קושיא ניט, ווארום מ'קען זאגן אז דעמולט איז אין יענעם ארט ניט געווען קיין ענין וואס איז מנגד צום ביהמ"ק, וויבאלד אז די שבעה אומות זיינען דארטן דעמולט ניט געווען,

ווי ס'איז פארשטאנדיק דערפון וואס יעקב איז דארטן געשלאפן און קיינער האט אים ניט געשטערט, ואדרבה: ס'איז געווען אן ארט וואו חיות רעות האבן זיך ארומגעדרייט, וואס דערפאר האט יעקב געדארפט אנקומען צו "ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו"[165] -

איז וויבאלד אז דארטן זיינען נאך ניט געווען די שבעה אומות, איז ניט געווען קיין ענין הפכי אויף וועלכן מ'דארף אנקומען צו "והכחדתיו", און דערפאר האט דעמולט געקענט זיין דער "ביהמ"ק של מעלה" כנגד דעם מקום.

ועד"ז אין דעם פסוק "מכון לשבתך" איז אויך קיין קושיא ניט - ווארום מ'קען זאגן אז דאס איז געווען אין דער צייט ווען די שבעה אומות זיינען נאך ניט געווען דארטן,

- בדוגמא -

----

164) תרומה כו, ל. 165) ויצא שם, יא ובפרש"י.

בדוגמא ווי ס'איז געווען אין דער צייט ווען יעקב איז דארטן געשלאפן - האט דעמולט געקענט זיין דער "כסא של מעלה" כנגד דעם מקום.

משא"כ ווען מ'קומט צום פסוק "אשר הכינותי", און מ'זאגט אז "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה" - ווערט די שאלה: וויבאלד אז דארטן זיינען דא די שבעה אומות, און עס דארף זיין דער "והכחדתיו", איז ווי קען זיין אז בשעת מעשה זאל שוין זיין געבויט און צוגעגרייט דער "ביהמ"ק של מעלה" כנגד דעם מקום?

אויף דערויף זאגט רש"י - "זה א' מן המקראות שאומרים שביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה":

וויבאלד אז ס'זיינען דא נאך פסוקים וואו ס'שטייט אז "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה", איז שווער צו זאגן אז בכל פעם זיינען דארטן ניט געווען קיין אוה"ע.

אפי' אין דעם פסוק "וזה שער השמים", קען מען אויך זאגן אז אין דעם ארט פון דעם ביהמ"ק זיינען שוין דעמולט געווען אוה"ע - ווארום יעקב איז גאר געווען אין אן אנדער ארט, נאר ס'איז געווען "קפיצת הדרך", אז "בא ביהמ"ק לקראתו עד בית א-ל"[166].

און וויבאלד אז ס'זיינען דא כמה מקראות וואס זאגן אז "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה", איז פארשטאנדיק אז דאס איז אויך ווען אין דעם ארט זיינען נאך דא די שבעה אומות, און מ'דארף אנקומען צום "והכחדתיו".

מז. עפ"ז וועט מען פארשטיין פארוואס איז דא א גירסא אין פרש"י שבפרשתנו, אז "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד של מטה" (און ניט "כנגד ביהמ"ק של מטה"):

אין דעם פסוק שבפרשתנו איז מודגש אז אין דעם ארט פון דעם ביהמ"ק איז געווען אן ענין הפכי - דאס איז געווען אן ארט וואו עס זיינען געווען די שבעה אומות.

אין פ' ויצא און אין פ' וישלח, איז ניט מודגש אז דארטן איז געווען אן ענין הפכי פון דעם ביהמ"ק, אבער בפרשתנו איז מודגש אז דארטן איז געווען אן ענין הפכי פון דעם ביהמ"ק.

און דערפאר אין דעם פסוק שבפרשתנו זאגט רש"י "ביהמ"ק של מעלה מכוון כנגד של מטה", און ער נעמט ארויס דעם ווארט

- ביהמ"ק -

----

166) פרש"י עה"פ שם, יז.

ביהמ"ק - אויף צו מדגיש זיין אז פון דעם פסוק שבפרשתנו איז די ראי׳ אז דער ביהמ"ק של מעלה איז מכוון "כנגד של מטה", ד.ה. אז ער איז מכוון "כנגד של מטה" אפי׳ ווען דער ביהמ"ק של מטה איז נאך ניטא, און עד כדי כך - אז דארטן איז דא אן ענין וואס איז דער היפך פון דעם ביהמ"ק.

מח. כמדובר כמ"פ אז אין פרש"י איז דא "יינה של תורה"[167], און אויך ענינים אין חלק ההלכה[168] - ועד"ז בנדו"ד:

עס איז דאך ידוע די מחלוקת פון אביי ורבא[169] צי "הזמנה מילתא היא", אדער "הזמנה לאו מילתא היא".

און דערפון וואס רש"י טייטשט אפ אז "הכינותי" מיינט "זמנתי", און זאגט אויף דערויף "זהו פשוטו", איז פארשטאנדיק, אז ע"פ פשש"מ ווערט "הזמנה" אנגערופן אין פסוק בשם "הכנה" (אזוי ווי "וטבוח טבח והכן", און "ויכינו את המנחה").

און דערפון זעט מען אז אין פשש"מ איז מער נוטה צו זאגן אז "הזמנה מילתא היא", וויבאלד אז דער ענין פון "הזמנה" ווערט אנגערופן אין פסוק בשם "הכנה".

מט. בנוגע צו דער העדה אויפן זהר - איז די קושיא ניט נאר מאי קמ"ל, נאר ווי קען מען גאר זאגן אזא זאך:

ער זאגט אין זהר אז "כד האי נשמתא נפקת מהאי עלמא זכייא נקיי׳ בדירה, קב"ה אנהיר לה בכמה נהורין", איז ניט פארשטאנדיק: אפי׳ ווען ער האט מעדניט ווי דעם ענין פון מצוות מעשיות (ער האט ניט אלע דריי ענינים פון מחשבה דיבור ומעשה), קומט אים אויך אורות, איז פארוואס זאגט ער אין זהר אז דוקא ווען די נשמה איז "זכייא נקיי׳ ברירה", ווען ס׳זיינען דא אלע דריי ענינים פון מחשבה דיבור ומעשה, דעמולט איז "קב"ה אנהיר לה בכמה נהורין"?

און אויב מ׳וועט זאגן אז דער תנאי פון "זכייא נקיי׳ ברירה" גייט נאר אויף דעם וואס ס׳שטייט אין זהר נאך דערויף אז "בכל יום קארי עלה כו׳" - האט דער ענין פון "קב"ה אנהיר לה בכמה נהורין" ניט געדארפט שטיין אויף דעם ענין°פון "זכייא נקיי׳ ברירה", נאר אויף דעם ענין וואס "בכל יומא קארי עלה כו׳".

דערנאך קומט צו א צווייטע קושיא:

- דער -

----

167) היום יום ע׳ כד. 168) ראה של"ה במס׳ שבועות שלו קפא, א. 169) סנהדרין מז, ב. וש"נ.

הנחת הה׳ בלתי מוגה